# דער שירעם

# קטלא קניא

katlekanye@yahoo.com

שמעלקע האָט נישט געהאַט אַ ספּעציעלע סיבה אויפֿצושטיין פֿרי אויסער דעם אַז ער האָט זיך זייער שפּעט געלייגט גליטשנדיק אויפֿן נעץ ביז די פֿריִע שעות און אַז זײַן זייגער קלינגט אין זיבן קען קיינער נישט האָבן טענות. ער איז אַ מענטש. ער איז נישט מחויבֿ אָוועקצוגעבן פֿון זײַן צײַט ווײַל ער האָט געדאַרפֿט גיין צו אַ חתונה, אַז ער דאַווענט נישט ווען די לײַדיקגייערס און די שיינע ייִדן דאַווענען ווען מענס געשעפֿט איז עס ווען ער האָט זיך געלייגט?

אַ פֿערטל פֿאַר זיבן האָט דער זייגער געקלונגען ווען אויף די גרויסע דיגיטאַלע נומערן, די גדולה איז אַז מען קען זיי זען אָן ברילן, איך האָב זיי אַלע אין בוידעם, וואָס איז, איך טאָר נישט אויסטון מײַנע ברילן אינעם געשעפֿט? קוקן אַלע אַזוי. איך דאַרף עפּעס קויפֿן בלינדערהייט און שפּעטער זיך דינגען ווײַל מען וויל מיר נישט צוריקגעבן מײַן געלט? די נומערן האָבן געוויזן זעקס אַכט און פּופּציק, זייער גוט כּדי לערבֿבֿ השׂטן. וואָס קוויטשעט זי אַזוי? „לעש שוין אויס דעם זייגער דאָרט. וואָס צינדסט דו עס אָן אַז דו האַלטסט סײַ־ווי נישט בײַם אויפֿשטיין?״ איך האַלט נישט בײַם אויפֿשטיין, אפֿשר נישט, נאָר זי האַלט.

„דרײַ אַ זייגער ביסט דו נאָך נישט געווען אין בעט און שטעלסט אָן ס׳זאָל קלינגען אַזוי פֿרי״ האָט שׂרה חנה געשריגן אַרומטאַפּנדיק פֿאַר איר טורבאַן.

„איך האָב מיך נישט געלייגט אַזוי שפּעט, דער זייגער לויפֿט שנעל.״ גיי זײַ איר מסביר אַז רחמנא ליבא בעי און איך האָב יאָ געוואָלט אויפֿשטיין ווען איך האָב אָנגעשטעלט דעם זייגער. סײַ ווי האָט זי נעכטן נאַכט געהאַט אַ קאָפּווייי.

שמעלקע האָט זיך אָפּגעגאָסן די הענט, זיי אָפּגעווישט אין זײַן דאָכענע, ע׳מיר גיין כאַפּן אַ קטן. ס׳איז אַ חורבן אַרויסצוגיין מיט פּעדזשאַמעס. דאָס לעכל אין די גאַטשעס לאָזט קאָנטראָלירן. מען קען ציילן אינעם שיסל אַרײַן. מען קען אַרויף און אַראָפּ און רעכטס און לינקס. ווי מיט אַ לייצע קען מען

מאַכן דאָס פֿערד לויפֿן. ממילא אַז ס׳מאַכט זיך און דער בחור גלײַכט זיך אויס קען מען זיך אָפּפּטרן אַפֿילו מיט די הענט הינטער דעם ריקן. די גויים האָבן נישט די פּראָבלעם. אין די געז סטיישנס ווען מען שטייט מיט זיי אין זייערע ד׳ אמות ציִען זיי זיך נאָכן קטן אַז ס׳איז נישט צו גלייבן. ס׳איז זיכער נישט פֿאַר זרע לבֿטלה. ווער ווייסט? אפֿשר אונטער דער ערלה כאַפּן זיך אַרײַן טראָפּנס. אָבער מיט די פּעדזשאַמעס, וויפֿל מאָל איך זאָג שׂרה חנה אַז זיי טויגן מיר נישט קויפֿט זי זיי ווידער, מען דאַרף מיט זיי אַזוי אַכטינג געבן. איין שפּרינג פֿון דער גומי און ס׳איז יום-טובֿ.

אַז ס׳גייט נישט גייט נישט. ווי דער שטיין איידער שמעו נא המורים. ביזוי בזיונות ווען ר׳ נטע האָט זיך געשטעלט דעמאָלסט לעבן מיר אין בית-הכּסא. ראש-השנה בײַ דער הפֿסקה איז עס געווען. אַ וואַרעמע ייִד, נישט דאָ וואָס צו רעדן. אָבער בשום-אופֿן איז עס נישט געקומען. איך בין שוין דאָרט געווען ווען ער איז אָנגעקומען אָן זײַן שטרײַמל און גאַרטל און ווען מען האָט אַרײַנגעהערט זײַן אַשר יצר ביז אינעווייניק בין איך נאָך געשטאַנען ווי אַ קלאָץ. לא נס ליחה. די הענט האָב איך אָבער געהאַלטן פֿון הינטן. איך קען געבן אַ פֿלאָש, ס׳איז אַ גוטע סגולה. שוין ׳עט מען זיך פּוצן די ציין. וועלכע פֿאַרב באַרשטל איז נאָר מײַנס?

ער האָט אָנגעכאַפּט די גאַטשעס, איך ווייס, בדיעבֿד קען מען זיי אָנטון נאָך אַ טאָג. מאַמי וואָלט מיך געגעבן אַ קיש אויף דעם. דאָס זענען זיי די ייִדישע מאַמעס, אַפֿילו אַ קיש מיז מען זיך פֿאַרדינען מיט זויבערע אונטערוועש. ער האָט זיך געגעבן אַ פּאַטש דאָס בײַכל נאָך ער האָט אָנגעטאָן זײַן אינטערהעמד מיט קורצע אַרבל וואָס איז אָנגעקומען ביזן האַלדז און עס אַרײַנגעשטעקט אין זײַנע גאַטשעס. מאַמי פֿלעגט געבן אַ צי די אונטערהויזן פֿון אויבן און מײַנע פֿיס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד. אונטערן אָרעם איז ניט געווען סוגה בשושנים, איך וועל דאַרפֿן אין מקווה אַ טוש, לאָמיר נאָר האָפֿן דאָס וואַסער וועט נישט זײַן קאַלט, איך צאָל זיי געניג חודש געלט, און אַז מען נעמט צוויי האַנטיכער קומט ער שרײַען. און וויִאַזוי טרוקנט מען זיך אָפּ מיט אַ כּזית האַנטיך, אפֿשר וויל ער מיר זאָגן? דער קרוגן פֿונעם העמד? ווייס איך? אויף נאָך איין טאָג? נו, מהיכא-תּיתי. ער האָט אַרויפֿגעצויגן זײַנע הויזן, געמאַכט זײַנע פֿיס ווי אַ בריק, צוריק געשלײַערט זײַן טלית-קטן, דורכגעפֿודעמט דעם פּאַסיק דורכן שנאָל און געגעבן אַ צי. דער פֿאָדערשטער חלק פֿון זײַנע הויזן זענען אַרויסגעשפּרינגען אָבער דעם פּאַסיק האָט ער צונויפֿגעקאָרטשעט ביזן פֿינפֿטן לאָך וואָס האָט זיך געשפּירט אַביסל ענג, אַוודאי, ס׳איז דאָך דער שבתדיקער פּאַסיק וועגן דער חתונה.

שמעלקע האָט אָנגעכאַפּט זײַן טלית און תּפֿילין פֿון דער שאַפּע אינעם לאָבי, און ציפּענדיק דאָס זעקל ווּ דערין איז געלעגן דאָס בײַטל האָט ער געגעבן אַ שלעפּ. ס׳זענען אַרויסגעפֿאַלן צוויי באַרשטלעך, וויפֿל מאָל איך בעט איר זי זאָל נישט לייגן זאַכן אויפֿן טלית-בײַטל. דאָס קען איך בײַ איר נישט פֿאַרשטיין. פונקט ווי די שאַפּע אין באָדצימער. אַז מען פֿאַרדעקט נישט די שיסל פֿונעם בית-הכּבֿוד איז מובֿטח אַז ווען מען נעמט אַרויס דאָס ציינבאַרשטל פֿאַלן אַרויס די קרעמען, אירע פֿאַרבן און די אויערן-קנאָספּן אינעם שיסל אַרײַן. שפּעטער האָט זי טענות אַז איך זעץ די פּיס ווען זי שלאָפֿט נאָך. דאָס האָב איך איר אויסגעלערנט אַז שבת אינדערפֿרי האָט מען אַ סעודה נישט לאַנטש, אָבער נישט אַרײַנשטאָפּן אַלע ספֿרים אין דער שאַפּע אין דער וועלט אַרײַן און נישט אַרײַנוואַרפֿן שמות אינעם מיסט וויפֿל מאָל איך זאָג איר און זי כאַפּט נישט. ״דו טו עס״ כאילו איינס האָט מיטן צווייטן. פֿאַרלעכערטע און צעריסענע פּלאַסטיק ווײַל מען פּאַקט אַלעס אויף דעם אַרויף. פֿעך! ס׳קלעפּט. ביז ווי לאַנג איך וועל מיך בײַ איר נישט בעטן וועט זי עס נישט געבן אַ וויש אָפּ, איך דאַרף אַליין פֿאַרשטיין אַרויסצוטראָגן דאָס מיסט ווען ס׳פּילט זיך אָן און אַרויסוואַרפֿן דאָס זעקל נאָך איך נאַש די לעצטע פּאָר טרויבן פֿונעם פֿרידזשידער. אָבער זי זאָל עפּעס פֿאַרשטיין, זה בלא.

* * *

שמעלקע האָט געוויינלעך געדאַווענט אין וויטעפּסק. ער האָט אַרויסגעטראָטן פֿון דער טיר און אַ טראָפּ איז אים אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן נאָז און געשפּריצט אויף זײַנע ברילן. זע, איך האָב איבערגעלאָזט דעם שירעם בײַם חתונה. ווּ האָב איך עס נאָר געלייגט? ס׳איז נישט מעגלעך געווען אַרײַנצוגיין מיט אַ רויטע שירעם. נישט דאָרט. נאָוי וויי. כּזיתים חלה לעבן דער נטילת ידים און אַ מחיצה ביז אין דער גאָס. מירי מערמלשטיין האָט אָבער גוט געטאַנצן. שׂרה חנה וועט שוין האָבן אויף וואָס צו פֿאַרפֿירן. אירע שירעם. ביזוי בזיונות, כ׳האָב געדאַרפֿט אַהיימבאַגלייטן דעם קאָלאָמײַער דיין מיט אַ רויטע שירעם?

שמעלקע האָט געוווּסט אַז אין וויטעפּסק וועט נישט זײַן אַ מנין. זלמנאָוויטש וועט שטיין אויפֿן ווינקל און פּגען מענטשן זיי זאָלן אַרײַנקומען. „טו אַ מיצווה, גיי נישט אַוועק.״ אַ ייִדישע עקשנות. ער זעט נישט אַז ער האָט נישט מנין? „ניין, ניין, ס׳וועט זײַן, וועסט זען ס׳וועט זײַן.״ וויאַזוי ער שעמט זיך נישט איז נישט צו גלייבן. מענטשן קוקן פֿון אים אַוועק. מיינסט טאַקע, פֿאַרדעם ציט ער די נאָז און מאַכט פֿאַקסן אַ גאַנצע דאַווענען. שוין, ע׳מיר גיין

## אין צור-ישׂראל.

אין וויטעפּסק איז נאָר געווען איין מנין און אַ קליינע מנין און מען האָט נישט פֿאַרדרייט אַ קאָפּ און מען האָט געקענט אָפּדאַווענען אָן זיך צו בייזערן בייַ ישתּבח און בייַ דער הויכער שמנה-עשׂרה אַז דער בעל-תּפֿילה גיט זיך נישט אַ שאָקל. אין צור-ישׂראל ציט מען אַז ס׳איז שרעקלעך. ווי אַזוי מענטשן האָבן געדולד אַזוי לאַנג צו דאַווענען איז נישט צו פֿאַרשטיין. אין ישיבֿה-קטנה איז עס אָבער געווען געדאַווענט. אַ שאָד יענער מאָל ווען איך האָב בטעות געענטפֿערט אַ הילכיקן אָמן נאָך וכשנים קדמוניות פֿון דער יהי רצון נאָך ר׳ ישמעאל אומר. פּונקט האָט ר׳ נטע געדאַרפֿט דאָרט זייַן. ס׳איז געווען די תּקופֿה ווען שמעלקע האָט אויפֿגעהערט זיך צו שאָקלען און ער פֿלעגט אויסציִען זייַן האַלדז זיך צו קאָנצענטרירן צו קענען אין זינען האָבן די כּוונה פֿון יעדער שם-הויה אַז היה הוה יהיה און אלקים אַז שהוא תּקיף ובעל היכולת ובעל הכּוחות כּולם עילת העילות וסיבת הסיבות. ר׳ נטע, דער לייגער און דער משפּיע וואָס פֿלעגט שמועסן מיט די בחורים פֿאַר זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן און מיט וועם שמעלקע האָט זיך געהאַלטן גאָר נאָנט ווייַל די עלטערע בחורים האָבן אים געזאָגט ווען זיי זענען אַהיים געקומען אויף פּסח אַז ׳מען קען פֿון אים נאַשן׳ וואַרעמע ווערטער און חיזוק אין עבֿודת-השם, פּונקט ער איז געווען אויף יענער שחרית און ער האָט געזען נאָכן הויכן אָאָאָאָאָמיין, אַזוי אַרויסגעזאָגט אַז ס׳זאָל נישט זייַן אַן אָמן-יתומה אָדער אָמן-אַלמנה, האָט ער געזען ווי שמעלקע לענט זיך אָן אויפֿן טיש אייַנצוזאַפּן די בושות. הייַנט איז אפֿשר בעסער לאַנג צו דאַווענען. שׂרה חנה וועט פֿון מיר פֿאַרלאַנגען דעם שירעם און מאַכן קולות. „ביסט אַ שלימזל״ וועט זי שרייַען, „נישט נאָר דו ברענגסט גאָרנישט אַרייַן נאָר דו פֿאַרלירסט וואָס מיר האָבן שוין. מער באָרג איך דיר גאָרנישט.״ סייַ ווי האָט זי מיר געבעטן פֿרי אַהיימקומען איז לאָז זי אַביסל טאַנצן. זאָל זי כאָטש אַמאָל האָבן אויף וואָס צו שרייַען.

דאָס איז דער חורבן פֿון חתונה האָבן מיט אַ נישט היימישע. שמואל דוד, זייַן פֿרוי וואַרט אים אָפּ יעדן אינדערפֿרי מיט אַ פֿרישטיק, דאָנערשטיק באַקט זי אייגענע חלות און ראָגעלעך און אויף שמואל דודס קליידער קען מען שמעקן אינדערפֿרי וואָס מען האָט אים אָפּגעקאָכט אויף נאַכטמאָל. און זי גייט אַ מענטשלעכע פּאָנזעלע און טורבאַן. שׂרה חנה וויל נישט. זי קען נישט פֿאַרשטיין אַז איך קען נישט אַהיים קומען צו אַן איבערגעדרייטן שטיב. וואָס קען זי נישט מאַכן די ייִנגלעכס פּאות? זי קען נישט געבן אַ דריי זיי זאָלן האָבן אַ היימישע צורה? איך קען נישט האָבן היימישע פּנימער און אַלץ ווייַל איך בין אַלט געווען דרייַ און צוואָנציק אַ האַלב ווען איך האָב חתונה געהאַט? פֿאַרדעם

מוזן מײַנע העמדער הענגען אין דער שאַפֿע אומגעביגלט ווײַל ס'קומט איר אָן שווער צו ביגלען און זי האַלט נישט פֿון גויטעס. זי האַלט נישט, זאָל זי עס טון. און אַז דער וועקער-זייגער קלינגט שבת אין דער פֿרי בין איך שולדיק. „פֿאַרלעש עס שוין", קוויטשעט זי. איך דערמאַן איר אַז ס'איז שבת. „איז לייג עס אין דער לעדל, דעק עס צו מיט האַנטעכער, לייג עס אינטער דײַן קישן, לאָמיך שוין שלאָפֿן." און אַז די פּלאַטע פֿאַרלעשט זיך און דער טשאָלנט איז קאַלט, „גאַנץ פֿרײַטיק שטיי איך אויף די פֿיס אַז דו זאָלסט אַפֿילו נישט קענען אָנשטעלן די פּלאַטע געהעריק." פֿאַר אירע משוגענע טשאָלנט מיט מייערן און סעלעריע.

אָן אַ שירעם איז שמעלקע געלאָפֿן ביז צור-ישׂראל. אויפֿן הוט האָט ער אַרויפֿגעלייגט דער פּלאַסטיק פֿון זײַן טלית-בײַטל, מען קען מיך נישט דאָרט אַזוי גוט און מען וועט שוין קוקן אויף מײַן נאָמען אויפֿן בײַטל, ער האָט צוזאַמענגעקנייטשט אַלע זײַטן פֿונעם זעקל אַרײַן אין דער לאָך ווו זײַן קאָפּ האָט געדאַרפֿט אַרײַנגיין און עס שנעל אָנגעטאָן אַז דער פּלאַסטיק זאָל נישט אַרויסשפּרינגען פֿון דער צווייטער זײַט, אָן צו באַמערקן אַז פֿון פֿאָרנט האָט ער רעקלאַמירט „בהשגחת האדמו"ר מלאָוואָלע". מען קען דאָך דאָ נישט גיין, אַזוי פֿיל מיסט. אין גוש אמונים און גוש קטיף דאָרט קען מען אַוודאי אַרויסגיין. עקיבֿא האָך איז אַליין געקומען צו מיר אַהיים מיר בעטן איך זאָל פֿאַר אים וועלן, אַ גאַנץ יאָר זאָגט ער מיר אַפֿילו נישט גוט שבת, איז ער ווידער אויפֿן ראַדיאָ וועגן דיסענגיידזשמענט. אפֿשר נעמט ער שוין צאַם דעם מיסט אַ ביסל. אַז איך וועל אים זאָגן וועל איך האָבן אַזאַ פּנים ווי שׂרה חנה. אירע דאגות. אַז מען זאָל געבן איגערקעס און גרינס פֿאַר מיטאָג פֿאַר די קינדער אַזוי ווי די טעג ווען די אינספּעקטאָרס קומען. זי מיינט ווײַל זי איז נישט אַ היימישער מיז זי עס אַרויסשרײַען.

שמעלקע איז נאָך געווען אינעם רעקל וואָס ער האָט אָנגעטאָן צו דער חתונה. לייבל וועט שוין געבן אַ צופּ, „שמעלקע, מען טראָגט דיך עפּעס אָן?" און שׂרה חנה וועט שרײַען „וואָס האָסט דו נישט גענימען אַ קאָוט?" קירשנבוימס הויז בויט זיך נישקשה אויף. פֿאַרפֿאַלן, ער אַרבעט שווער און ער פֿאַרדינט. מיינסט טאַקע, זײַן שווער זאָגט מען פֿאַרמאָגט גאַנצע בלאָקס אין דזשוירזי-סיטי און ער קירשנבוים זאָגט דער עולם איז פֿויל. פונקט ווי שׂרה חנה. איך גיי נישט אַרבעטן, זאָגט זי, איך זיץ אין דער היים. גאַנץ ווייניק פֿאַרשטייט זי אַז אַ דיי טריידער פֿאַרלאַנגט נערוון און ייִשובֿ-הדעת און ווען איך מאַך איין גוטן געשעפֿט פֿאַרדין איך אין אַ טאָג וואָס זי אין אַ יאָר. זי מיט אירע קינדער. אַ גאַנצע מבֿינטע איז זי מיר אויף חינוך. אַ דיפּלאָמאַ האָט זי

אין קאָפּ אַרײַן און אויף אסתּר רײַזי הערט זי נישט אויף צו שרײַען און חיים און מוישי האָבן שטענדיק צופּלאָשעטע פּאות. וואָס קען זי נישט פֿאַרנעמען אַז אסתּר רײַזי רעדט ווי אַ באָראָ-פּאַרקער? האָט זי געזאָגט „בײַ״ רחלע כּאילו מען פֿאַרשטייט נישט וואָס זי מיינט. מײַנע בראָויקערס פֿאַרשטייען דען נישט וואָס איך זאָג זיי? אַ געשעפֿט וועלכע ווערטער מען ניצט אַבי מען פֿאַרשטייט זיך. אויפֿגעקלערטע חכמטע און דאָס טלית-בײַטל איז אַן עקל. גאָרנישט טוען זיי אין דער היים און מען קען זיי נישט זאָגן אַ וואָרט.

היַינט וועל איך טאַקע מיזן מאַכן אַן אַפּותיקי, ס׳איז שוין נישט קיין חכמות.

אין צור-ישׂראל האָט מען זיך געשטעלט אַ זייגער זיבן און שמעלקע איז אָנגעקומען אַ פֿערטל נאָך און מען האָט נאָך געהאַלטן בײַ תּנו-רבנן. אַזעלכע שלעפּערס. שמואל משה דאַוונט שוין אויך דאָ? איך געדענק אים דען נישט ווען ער איז געווען אַ שוואַנץ שבשוונץ, געגאַנגען זוכן דעם דיקסטן גאַרטל אין שטאָט און היַינט האַלט ער שטאַרק פֿונעם אַרטסקראָל-סידור. מיט אַזעלכע שלעפּערס קען מען כאַפּן אַ מקווה און זיי וועלן נאָך האַלטן ברוך-שאָמר. גייענדיק אַרויס האָט זיך שמעלקע אויסגעגליטשט אויף וואַסער אויף דער ערד, זיך געוואַקלט און זיך באַלאַנסירט אָבער נישט פֿאַר ער האָט זיך אַרײַנגעקלאַפּט אין שירעמס וואָס זענען געלעגן אויפֿגעעפֿנט אויף זיך צו טריקענען. וואָס קוקט ער אַזוי? שיינע ייִדן גליטשן זיך נישט אויס? דאַווענען ווי משוגעים אָבער אַ שירעם קענען זיי נישט געהעריק אַוועקשטעלן. דער שירעם דאָ זעט אין גאַנצן אויס ווי שׂרה חנהס. ס׳איז אַ מעלה אַז דאָ שעמט מען זיך נישט מיט דעם. ווער וועט מיר דען זען? ס׳קען אַרײַנגיין אין מײַן טלית-בײַטל. זײַן טלית-בײַטל האָט ער איבערגעלאָזט אין דרויסן פֿון דער מקווה אויפֿן האַנטעך-טיש מיטן נאָמען אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

אין מקווה האָט זיך שמעלקע אויסגעטאָן ערשט די שטרימפּ און זיי אַרײַנגעלייגט אין זײַנע שיך, דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעמאַכט דעם פּאַסיק, אויסגעטאָן און אַרויפֿגעלייגט די הויזן אויפֿן העקל, אויף זיי האָט ער אויפֿגעהאָנגען די גאַטשעס, זײַן טלית-קטן, זײַן העמד און זײַן אונטערהעמד. ער האָט אויסגעשפּרייט זײַן האַנטעך אויפֿן באַנק, איינער וועט זיך נאָך געבן אַ זעץ דווקא דאָ, ער האָט אַרויפֿגעלייגט זײַנע ברילן אין מיטן דער האַנטעך און אויף זיי זײַן יאַרמלקע ווי אַ קופּאָל און געגאַנגען כאַפּן אַ טוש. דער בחור איז סמוך ולא נראה, בײַם עמידה זעט מען גאָרנישט אויסער דאָס בײַכל וואָס הערט נישט אויף צו וואַקסן.

ווי טוש ווען טוש, ס׳רינט דאָך קוים. דאָס איז דער חילוק צווישן חסידים און די געוואָרענע. זיי קענען דאַווענען ווי מלאָכים אָבער אַ טוש? אויף מים-אַחרונים איז עס אויך אַ לצנות און, שיו, ס׳איז קאַלט, די רשעים, אַוודאי, מען טאָר זיך נישט טושן פֿאַרן דאַווענען. דאָס פּאַסירט ווען די חבֿרה קלעפּן זיך אָן אין די חסידים. זענען מקפּיד אויף לא-תגנובֿ און רעדן חלילה נישט בײַם דאַווענען אָבער אַ וואַרעמע טוש נאָך איך בין דורכגענעצט פֿונעם רעגן וועלן זיי מיר נישט פֿאַרגינען. נישט אימזיסט רופֿט מען די צור-ישׂראלניקעס „צרות״.

שמעלקע איז אַראָפּגעגאַנגען די שטיגן פֿון דער מקווה, אַ מחיה, אַאַאַ אַאַאַ ס׳ברענט אַאַאַ. דאָס וואַסער איז אים אָנגעקומען ביז צום נאָפּל און ער האָט זיך כּמו אַוועקגעזעצט אַז דאָס וואַסער זאָל אָנקומען ביז זײַנע ליפּן. זײַן אַרויסגעלאָזטע באָרד איז אַרויפֿגעשווומען און ער האָט עס געגלעט און אַרויסגעצויגן די ווײַסע האָר און די האָר מיט צעשפּאָלטענע עקן. איך דאַרף שוין באַלד טאָן שידוכים און מײַן נאָמען האָט נאָך נישט ערשײַנט אויף איין קבלת-פּנים צעטל. איך וועל מוזן צוריקרופֿן שלומה חיים אים זאָגן וועגן דעם גרינוואַלד שידוך. די חוצפּה פֿון דער חבֿרה. איך זאָל נאָר מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַ פּאָר דאָלער וואָלט מען מיר נאָכגעלאָפֿן, וואָס איז חיים זעליג מער פֿון מיר? און ער האָט באַקומען יאָסל ווײַנבערגערס בחור. שׂרה חנה זאָגט אַז ער זעט אויס ווי אַ בייבי. זי האָט צו רעדן. וויפֿל מאָל האָב איך איר געבעטן אַז זי זאָל נישט פֿאַרדרייען אַ קאָפּ פֿאַר די מלמדים און זי איז דווקא געגאַנגען שרײַען. האָט ער געצויגן פֿאַר שמואלי אַן אויער. ס׳איז גאָלד קעגן וואָס מען האָט מיר געטאָן. דער רבי האָט געזאָגט יעדער זאָל האַלטן דעם פֿינגער אויפֿן פּלאַץ און איין מאָל האָט ער מיר געכאַפּט מיטן האַנט אויפֿן אותו מקום האָב איך דערפֿאַר געכאַפּט מכּות. נישט ווײַל איך בין געווען אַ חזיר. איך האָב פּשוט געדאַרפֿט. און ווער האָט געשריגן פֿאַר מיר? מען וואָלט מיך געקענט הרגענען און טאַטי וואָלט געזאָגט, „איך וועל דיך נאָך צוגעבן.״ יעצט האָט זי צו לעקן.

ווייקנדיק האָט ער גענומען פֿון דער זײַט פֿון דער מקווה די זיפּ און דורכגענעצט דעם אויבישטן חלק פֿונעם וואַסער פֿון האָר און שופּן. זי האָט נאָך געוואָלט איך זאָל שרײַבן די ראָשי-הקהילה אַ בריוו ווען שמואלי האָט זיך פֿאַרקלעמט דעם פֿינגער אין דער טיר. בײַ מנחה-מעריבֿ וואָלט איך יעדן געלעגן אויפֿן צונג. „זי מיינט זי׳ז דער איינציקסטער מיט אַ קינד.״ „אַ שנאָבל-חיה רעה, ווען ער׳ז מײַנס וואָלט ער שוין איינמאָל געכאַפּט.״ און זיי זענען גערעכט. וואָס קען ער נישט זיצן בײַם טיש און זינגען קה רבון? פֿרעג אים עפּעס וועגן דער סדרה, ווער איז געווען עשׂוס ברודער? און ער ווייסט נישט, אָבער גרעפּ דזשוס פֿילט ער זיך אָן ווי ס׳איז וואַסער אַז איך מיז מיך אַוועקדרייען נישט צו קוקן.

ווען שׂרה חנה זאָל נאָר האַלטן פֿון אַ ביסל לערנען בלק וואָלט איך אים שוין איין מאָל געוויזן. איך הייב אָן זאָגן אַ דבֿר-תּורה בײַם טיש זינגט ער מיר אַרײַן יום זה מכובד. און זי וויל איך זאָל גיין צום דיין וועגן דער טיר. ווּ איז איר שׂכל? ער וועט מיר זאָגן „גיי שווענק עס אָפּ מיט וואַסער״ און איך וועל אים זאָגן, „ס׳האָט פּאַסירט שבת,״ וועט ער ענטפֿערן „נו, איז וואָס ווילסט דו יעצט?״ און איך וועל אים זאָגן אַז מען דאַרף פֿאַררעכטן די טיר און ער וועט זאָגן, „נו, גיי רעד מיטן גבאי.״ וואָס דאַרף ער טאַקע טאָן? ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די פּאות פֿון אַרום זײַן אויער און מיטביידע הענט אָפּגעשטופּט די שווימענדיקע שטיקלעך, געלייגט אַיעדער פֿון זײַנע גראָבע פֿינגערס צו פֿאַרשטאָפּן זײַנע אויערן און אויסגעצויגן אַיעדער פֿון זײַנע לאַנגע פֿינגערס צוצוקוועטשן ביידע זײַטן פֿון זײַן נאָז, זיך אײַנגעטונקען פֿיר מאָל און אַרויס.

ער האָט זיכער געמאַכט אַז די אונטערשטע קעשענע פֿון זײַנע הויזן איז נאָך אָנגעבלאָזן מיט זײַן בערזל און אָנגעטאָן זײַן יאַרמלקע, זײַנע ברילן און דערנאָך אויפֿגעהויבן זײַן יאַרמלקע מיט איין האַנט בשעת ער האָט געטריקנט זײַן האָר מיטן האַנטעך. אָנגעטאָן, האָט זיך שמעלקע אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אַרויפֿגעלייגט איין פֿיס אויפֿן צווייטן און געטריקנט צווישן די קליינע פֿינגערלעך פֿון זײַן פֿיס. אַאַאַ געב נאָר אַ קוק. אַ גוטן קראַץ, דער בני ישׂשׂכר האָט געוווּסט וואָס ער זאָגט ווען ער האָט דאָס פֿאַרגליכנט צו לא-תנאף. און לא-תנאף פֿון ווּ האָט ער געוווּסט? שוין מען טאָר אַזוי נישט קלערן, דער הייליקער רבי ר׳ הערש מלך. די הנאה האָט אים מחזק געווען צו פֿאַרזוכן אַן אַנדרע ווינקל ווּ אויף אַ גוטן טאָג איז דאָ אַ סך פּאַשע. ס׳שיילט זיך אַ מחיה, און מיט אַ צאַמגעצויגענער פּנים און אַן אָפֿענער מויל האָט ער צאַמגעדריקט די שפּיץ פֿון זײַנע צוויי נעגל אויף דער הויט, נאָך אַ מזל ס׳איז דאָנערשטיק האָב איך עפּעס נעגל. מיטן ריקן פֿון זײַן האַנט האָט ער אָפּגעווישט דאָס שפּייאַכץ פֿון זײַן באָרד און אָנגעטאָן זײַן רעקל מיט בלויז איין אַרבל זיך אײַנשפּאָרן צײַט בײַ תּפֿילין לייגן.

אַרויפֿקומענדיק מיט אַ הינקעדיקע טריט קומט צו אים צו אַ ייִד, „דאָרט האַלט מען שוין בײַ די הללו-קאָס, אין ווײַבערשיל שטעלט זיך אַ מנין.״ שוין ווײַטער די פּגעים, „איך וועל מיך גיין וואַשן די הענט און זיך מיטכאַפּן, כּל הנשמה איז מיר פּונקט גוט.״ ער איז געגאַנגען צו דעם קראַן, זיך אָפּגעגאָסן די הענט, געשמעקט דעם האַנטעך און אַרײַן אין ביהמ״ד אויפֿמאַכנדיק די טיר מיט זײַן עלנבויגן כּדי נישט נאַס צו מאַכן די קליאַמקע. שטופּנדיק די טיר גיט אים אַ ייִד שלום-עליכם, דער משוגענער מיז מיר געבן שלום פּונקט ווען איך האָב נאַסע הענט, „איך בין אַ היגער.״ שמעלקע האָט זיכער געמאַכט אַז זײַן

היטל איז אויף זײַן קאָפּ, שבת איז בעסער, אַז מען קוקט אַרויף מיט די אויגן קען מען באַלד זען די שטרײַמלהאָר, ער איז צוגעגאַנגען צום נענסטן טיש, געררוקט אַ פּאָר טלית-בײַטלעך צו אַ זײַט, אַ האַלבע טיש מיזן זיי אויפֿנעמען, אַרויסגענומען זײַן גאַרטל, און עס געבונדן אַראָפּ-צו אונטער זײַן געשוואָלענעם בויך און זיך אַרויסגעצויגן זײַן סידור און עס געלייגט איבער זײַן נאָמען. באַלד נאָכן תּנאָים האָב איך שׂרה חנהן געבעטן אַז אויפֿן טלית-בײַטל זאָל זי בלויז אויסהאַפֿטן מײַנע ראָשי-תּיבֿות האָט זי געמיזט קויפֿן וואָס דער ספֿרים-געשעפֿט האָט געזאָגט אַז „אַלע האָבן דאָס", און זי האָט נישט געקענט וואַרטן מיר צו דערציילן נאָר באַלד נאָכן חופּה און פּאָר דעם מיר קאַליע מאַכן מײַן יִחוד-שטיבל. ר' נטע האָט מיר געהייסן פֿרעגן ווי אַזוי זי האָט געפּאַסט באַלד נאָכן קיש, און ביז הײַנט האָט זי טענות אַז איך האָב געצויגן מיטן נאָז. איך האָב איר נישט געהאַלטן בײַם קישן נאָך דעם. סײַ ווי דער קיש וואָלט געווען ווי פֿאַלן כורעים אויף יום-כיפּור, ווײַל אין מחזור שטייט „כאן נופֿלים כורעים."

דער טלית איז אָנגעקומען אויף דער פּלייצע מיט אַ „ברכי נפֿשי." וכשם שאני מתכסה בטלית בעולם הזה האָט זיך שמעלקע אונטערגעזינגען מיט זײַן טאָג טעגלעכע ניגון בשעת ער האָט מיט זײַן רעכטע האַנט געצויגן זײַן לינקן אויערלעפּל און זײַן לינקע האַנט האָט אַרומגעדרייט די פּאה אַרומען אויער. מיט זײַן קליינע פֿינגער האָט ער אויפֿגעשטאָפּט זײַן אויער פֿונעם מקווה-וואַסער און נאָך בודק זײַן פֿינגער האָט ער בודק געווען די קנופּן פֿון די ד' כנפֿות, זיך אײַנגעוויקלט אין זײַן טלית און צוריקגעשמיסן די ציצית, „גיבט אַכטינג" האָט אַ פֿאַרבײַגייענדיקע ייִד געגעבן אַ שרײַ און שמעלקעס מה-יקר האָט געדויערט מיט אַ פּאָר מינוט לענגער, האַ, ער קען נישט וויסן ווער איך בין. ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן פּנים אינעם טלית-בײַטל, דער שירעם איז גאָר שמואל משהס, ס'מיז זײַן, ס'שטייט דאָ פֿעלבערבלום אויף פּופּצן, דרײַ-און-פּופּציק, און אַרויס איז געקומען זײַן רש"י-תּפֿילין. דער פֿאַרשאָלטענער זיפּער ווערט מיר יעדן טאָג פֿאַרהאַנקעט, און ער האָט געגעבן אַ קוש פֿון אויבן דעם של-יד, אַראָפּגעטראָסקעט די רצועות אויף אַ באַנק און זיי אויסגעגלײַכט צווישן זײַנע פֿינגערס, געררוקט זײַן קאָפּ צו דער זײַט און מיטגעשלעפּט זײַן גאַנצע קערפּער אויפֿצוהייבן זײַן האַנט הויך אין דער לופֿט אויף אַרויפֿצוציִען דעם אַרבל פֿון זײַן העמד. ער האָט געדרייט די רצועות זיבן מיט אַ האַלב מאָל און געציילט מיט די פֿינגער פֿון דער אַנדרע האַנט צוויי מיט אַ מאָל טראַכטנדיק „פּותח את, ידיך ומשׂביע, לכל חי, רצון," אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם של-ראָש אויפֿן קאָפּ און אַרויפֿגעריקט דעם טלית אויף צו מאַכן אַ ברכה, דער טלית צוריק אויפֿן פּלייצע האָט ער דורך זײַן יאַרמלקע אויסגעצויגן די רצועות אויפֿן קאָפּ, געגעבן אַ רײַב אָפּ די הענט אויפֿן טיש אין פֿאַל אַז ער האָט זיך געגעבן אַ קראַץ

אין קאָפּ, געדרייט אויף די פֿינגער וואַרשתּיך און ער איז געשטאַנען גרייט ווי אַ זעלנער אָן וויסן וועם צו שיסן.

* * *

„נו אפֿשר קימט איר בײַ מיר דאַווענען. איך בין אַ חיובֿ. איך זאָג אײַך צי אַז מען וועט בײַ מיר ענדיקן נאָך פֿאַר זיי.״

„אַלעדיקט איך קים.״

„איז זײַט אַזוי גיט און קימט אַרויף אין ווײַבער שיל.״

דאָס זענען זיי די חבֿרה. פֿריִער האָט ער נישט געזאָגט אַז ער׳ז אַ חיובֿ, ער האָט מיר געוואָלט מזכּה זײַן מיט אַ מנין. נאָר מיצוות זיכן זיי צו געפֿינען. אפֿשר אַ פּרנסה, עפּעס אַן אומנות קלה ונקייה, דאָס נישט. ער האָט אָנגעכאַפּט זײַן טלית-בײַטל און עס געהאַלטן ווי אַ רינשטאָק אַז זײַנע שיידלעך און זײַן סידור און דער שירעם זאָלן נישט אַרויספֿאַלן און ער האָט זיך אײַנגעבויגן אַז זײַן טלית זאָל זיך פֿון אים נישט אַראָפּגליטשן. גייענדיק צו דער טיר האָט ער זיך כּמעט אַרײַנגעקלאַפּט אין שמואל משה אויף זײַן וועג צו די פּושקעס אַרײַנצוואַרפֿן געלט בײַ ואתּה מחיה את כּולם. אויף דעם איז ער אַ מחותּן, קומט אַהער ווײַזן די חסידים אַז ער איז צו ערנסט פֿאַר זיי אָבער דאָ פֿאַרפֿירט ער מיט די משוגעתן. ווער געדענקט אים נישט פֿון חדר, זײַן טאַטנס געפֿילטע פֿיש פֿלעגט ער ברענגען צו די קינדער טועם צו זײַן אַז מען זאָל בעטן די מאַמעס זיי זאָלן עס קויפֿן. הײַנט מיינט ער אַז ער האָט אַ פּאָר דאָלער קען ער שוין ווערן אַ גאַנצער שיינער ייִד כּאילו איך געדענק נישט ווען ער האָט זיך באַמאַכט בײַם ערשטן טאָג בײַ ר׳ זלמן. איך האָב בר-מיצווה געמאַכט האָט ער מיר עפּעס אַרײַנגעשיקט, אויף דעם מיז איך פֿאַרלײַדן זײַן לעכטיקן גוט שבת פֿון דער צווייטער זײַט גאַס. ער מאַכט עס אָבער גוט. ער לייגט נישט אַראָפּ זײַן קאָפּ ביז אַזוי צען פּיס פֿאַרן זיך באַגעגענען און דערנאָך אַ שאָקל מיטן קאָפּ. פֿון ווען ער זעט מיר קוקט ער מיר אַרײַן אין די אויגן, שמייכלט, שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט איין מאָל גוט שבת און אַז ס׳פֿעלט אויס זאָגט ער ווידער.

שמעלקע האָט זיך אויסגעוועלט אַן אַלקיר אויפֿן דרום-וואַנט ווו ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט און אָנגעהויבן אַדון-עולם, געגעבן אַ גענעץ בײַ ואל-תּביאנו, און בײַ לא לידי נסיון איז זײַן מויל געווען אין גאַנצן אָפֿן אַז זײַנע שכנים

האָבן געהערט „ניסאַיַון.″ אַז מענטשן האָבן זיך אויסגעדרייט האָט שמעלקע צוגעלייגט זיַין פֿאַרצועהטע האַנט צו זיַין מויל און זיך באַגראָבן אין זיַין סידור לעקנדיק די רצועה, עס געטריקנט אויף זיַין נאָז און געשמעקט. הלוואי זאָל איך שוין אַ מאָל האָבן אַ געזונטן נסיון, אַ קלינגעדיקס, אַזוינס וואָס מען זעט אויפֿן סאָבוויי, אַזאַ ריכטיקס וואָס מען קען אָנטאַפּן בידיים, וואָס זייערע קליידער זענען אַזוי קליין אַז די רצועות פֿון זייערע בית-רייש-אַלף שטעקן זיך אַרויס. ווען דער יצר הרע זאָל טאַקע אינטערעסירן אַז איך זאָל זינדיקן וואָלט ער מיר צוגעשטעלט אַ פּאָר אַזעלכע נסיונות. נישט חלילה זינדיקן, כּמכחול בשפֿופֿרת זיכער נישט, און — ווידער גענעצנדיק — איך וואָלט נישט געדאַרפֿט אויפֿזיַין אויפֿן וועב ווען די פֿייגלעך זינגען שוין. וואָס קוקט ער מיר אַזוי אָן יענער בהמה? כאַ, ער גענעצט אַליין.

ה׳ הושיעה המלך יעננו ביום קראינו, אַשרי יושבֿי ביתיך, איך קען נישט האַלטן אַזוי שנעל ביַי אַשרי, כ׳האָב דאָך קוים אָנגעהויבן. זיַין סידור איז נאָך געווען אויפֿגעמישט צו ומדינה-של-גיהינום און דער עקידה. איך האָב מיך זיכער נאָך נישט אויפֿגעהויבן צו ברוך-שאָמר און ס׳קען נישט זיַין אַז איך האָב פֿאַרגעסן אַז איך האָב געקושט די ציצית, אלא מאי איך האַלט נאָך ביַי הודו. זוכנדיק זיַינע ציצית פֿאַר ברוך-שאָמר האָבן זיַינע שליסלעך אויסגעקלונגען און ער האָט געגעבן אַ טאַפּ זיכער מאַכן אַז דאָס בערזל איז נאָך ביַי אים. פֿאַר אַ שוואַרץ יאָר, איך האָב נאָך אָן די הויזן פֿון דער חתונה. וואָס שטעקט אָבער דאָרט? נחמן האָט געהאַט די חוצפּה צו קוקן בייזערהייט ווען איך האָב גענומען אַ סערוועטל פֿון זיַין טיש, ער מיינט איך האָב נישט געזען ווי ער האָט אַריַינגעלייגט דריַי בענטשערס אין זיַין ביזעם-טאַש. די מעלוינע איז אָבער געווען אויסערגעוווּנדלעך. שׂרה חנה וועט שוין וויַיטער שריַיען ווען ס׳וועט נישט זיַין שפּעטער אַ ברויט. אין וויטעפּסק וואָלט איך געקענט עפּעס באָרגן פֿון דער פּושקע און קויפֿן אויפֿן וועג אַהיים. שמואל משה וואָלט מיר למעשׂה געבאָרגט, זאָל איך אים בעטן? איך וועל אים שולדיק זיַין די נשמה, און דער עולם וועט קוקן. איך קען אים בעטן פֿינעף דאָלער און אים זאָגן וועגן די הויזן, נאָך צוויי מינוט רעדן וועט ער אויפֿהייבן די אויגן. מען גלייבט מיר שוין נישט, דאָס איז די צרה. נאָך אַ מזל איך האָב אַ דאָלער פֿאַרן טיַימס וועט כאָטש זיַין וואָס צו טון אינדערפֿרי.

איך וועל זאָגן שמואל משה אַז איך וואַרף אים אַריַין דעם צענער אין דער היים ביַי נאַכט. איך דאַרף סיַי ווי אים דורכגיין אויפֿן וועג אין זאַל אָפּנעמען דעם שירעם. ער וועט מיר אַריַינהאַקן אין מיטן צי איך דאַרף נישט אַ הונדערטער. שוין, איך קען סיַי ווי נישט וואַרטן ביז ער פֿאַרטיקט. אַז איך האָב נישט שפּאָר

איך מיך כאָטש איַין געבן פֿאַר די געלטגייערס. צוויי יונגע-לײַט זענען געגאַנגען נאָך געלט ווײַל מיט אַ נאַכט פֿריִער איז געווען אַ טײַ-אָוונט. ווען איך האַלט זיי בײַם געבן וואָלט איך דאָך אַהינגעגאַנגען. שמעלקע האָט זיך גענומען דאַווענען מיט גרויס כּוונה. להכעיס שטעלן זיי זיך דאָ אָפּ, זיי זעען נישט ווי איך קלאַפּ מײַן קעשענע און געב אַ דריי מיטן האַנט. און ווער איז דער משוגענער וואָס גיבט זיי אַ פּופּציקער? אין שיל? איז ער נאָרמאַל? זאָל ער עס מיר געבן. איך בין נאָך אַזאַ חשובֿע צוועק. אַ חזיר, אַ חמישימל קען ער געבן ווײַל ער דאַרף זיך אויספּוצן די ציין מיטן קבלה.

למעשׂה, וואָלט איך געקענט אָנריפֿן דעם קייטערער און זיי פֿרעגן צי זיי האָבן געפֿינען אַ שירעם. איך קען אָנריפֿן אינדערפֿרי ווען מען וועט נישט דערקענען מײַן שטימע. מער פֿעלט מיר אויס אַז די סעקרעטערן, מירי, זאָל מיר דערקענען. זי וועט זיך דערמאַנען פּונעם באַשוי, ווען איך האָב איבערגעדרייט דאָס גלעזל. שלמזלנים, ווער שטעלט דען גלעזלעך בײַם עק? טאַטי האָט געזאָגט אַז דער מינהג איז נישט צו געבן טועם צו זײַן, און ווי מאַמי האָט נאָר גערעדט פֿון דעם אָנגעשטויבטן טשילאָ. נאָך זיי האָבן געזאָגט ניין. צוויי טעג האָבן זיי אונדז געהאַלטן אויף שפּילקעס און זי וועט שפּעטן אַז איך פֿאַרגעס שירעמס און איך האָב נישט וואָס צו טון נאָר אָנצוריפֿן פֿאַר דעם.

קיין מאָל האָט שמעלקעס מאַמע, די אַלטע מיסעס יאָזעפֿאָוויטש, נישט געקענט אויסזען מענטשלעך. זי פֿלעגט אים קומען אָפּנעמען פֿון זײַן כּיתּה צום צײנדאָקטאָר און אַלע ייִנגלעך האָבן געלאַכט ווײַל זי האָט גערעדט אַזוי הויך צו דעם רבין. וואָס האָט זי נישט געקענט זײַן ווי די ייִנגע מאַמעס מיט די רויטע באַקן און שיינע ליפּן וואָס דער רבי האָט אַרויפֿגעריקט זײַן שטעקן אין זײַן אַרבל ווען זיי זענען געקומען ברענגען דאָס „ריסעס"-פּעקל וואָס די ייִנגלעך האָבן פֿאַרגעסן? נאָכדעם האָט דער רבי עס אָפּירגענומען בפּני-קהל-ועדה, „פּשי, לאָמיך זען וואָס דײַן מאַמע האָט דיך געברענגט. אַזאַ שיינע פּעקעלע." ווען איך האָב פֿאַרגעסן האָב איך בײַ נאַכט באַקומען, „האָסט ווײַטער פֿאַרגעסן." צי איך בין הונגעריק געווען האָט איר גאַנץ ווייניק אינטערעסירט. און אירע שטרימפּ האָבן זיך געמיזט צאַמנעמען בײַ די קנעכל ווי אַבֿלים אויפֿן פֿעלד.

דאָס איז געווען מאַמיס חורבן. אַ חשובֿע פֿרוי. יאָ, אַוודאי, אַזוי האָט יעדער געזאָגט בײַם שבֿעה, אַ סך האָבן זיי געוווּסט. ווײַל זי האָט מיר אַרויסגעשלאָסן פֿון דער היים און איז מיר נאָכגעלאָפֿן מיט אַ פּאַנטאָפֿל און דעם רויטן פֿליישיקן האַנטעך? קענען צאַמשאַרן צעקוועטשטע נאַכטמאָל מיט

דער זײַט פֿון זייערע גאָרע האַנט און אין וואַסער און פֿײַער לויפֿן זיי פֿאַר זייערע קינד. יאָ, זאָלן זיי שוין אַמאָל אַראָפּלייגן דעם טעלעפֿאָן פֿאַר זייערע קינד און אויפֿהערן מאַכן אַזעלכע קולות. שׂרה חנה, שאָקלט זיך איבער די לעכט ווען איך הינגער פֿאַר אַ שטיקל קיגל, און נאָך דעם ווידער מיט קוויטשערײַען „געב מוישי זײַן מילך,״ „אַלעס מיז איך דאָ טון,״ „קרײַנדי לײַג אַוועק דײַנע וואָכנדיקע שיך,״ „אַז איך טו עס נישט ווערט עס נישט געטאָן,״ „קיינער קען מיך דאָ נישט העלפֿן.״ לעבן אויס זייערע לעבן על-קידוש-השם און די וועלט איז זיי שולדיק די נשמה. האַלטן אין איין געבוירן אויף צו האַלטן הילפֿלאָזע נשמות בײַם קאַרק, און קוים די נשמות באַקומען אַ מויל און קענען צוריקענטפֿערן דאַרפֿן זיי שוין אַ פֿרישע.

אַ שיינהייט איז זי, פֿאַרפֿאַלן. הלוואַי וואָלט שׂרה חנה געלייגט אַזאַ באַנד אויף איר שייטל. אין די יאָרן קען מען נישט אָנהייבן מיט די זאַכן. איר האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון ווייס איך ווו, מן-הסתּם פֿאַר דעם האָט מען איר פֿאַר מיר אָנגעטראָגן. טאַטי האָט עס נישט געפּאַסט, האָט ער שוין באַקומען אַ מחותּן. ביזוי בזיונות מיטן אונטערפֿירן. אַ מחיה וואָלט זי געווען. זי האָט אַזעלכע פֿיס. פֿאַרוואָס ווערן זיי נישט גראָב ווי שׂרה חנהס? און פֿון פֿאָרענט איז זי אַזוי קײַלעכיק, מן-הסתּם גייט זי אין אַ סוועדער וואָס איז אַ ביסל צו קליין. ווי זיי האָבן זיך געוואָרפֿן בײַם טאַנצן, און ווער רעדט נאָך פֿון אינטן, ממש געווען אַ ברכה צו מאַכן. עליונים שׂשׂו ותחתּונים עלזו.

דער בעל-תּפֿילה האָט געזאָגט וברוך ה׳ לעולם אָמן ואָמן און שמעלקע האָט זיך אויפֿגעשטעלט צו ויבֿרך דוד. ס׳איז אים שווער געווען צו שטיין אין גאַנצן גלײַך. נאָך אַ מזל איך האָב אַ לאַנגע רעקל. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צוצומאַכן זײַן אונטערשטע קנעפּל. די קורצע-רעקל-חבֿרה האָבן נישט אונדזערע פּראָבלעמען? וואָס טוען זיי אַז ס׳מאַכט זיך? איך דאַרף אַמאָל קוקן אויפֿן סאָבוויי וואָס די גויים טוען. שמעון נח איז מסביר געווען אַז בײַ חסידישע ייִדן וויבאַלד זיי זענען אַזוי אָפּגעהיטן דאַרפֿן זיי מער שמירה. אַזוי ווי יענער מאָל ווען אַ שיקסע האָט געהאַט אַ טי-שערט „איך זע בעסער אויס טאָפּלעס.״ צו וואָס לייגט זי עס דאָרט אַז נישט מען זאָל קוקן? זי האָט נאָך געהאַט אַזעלכע באַלעבאַטישע מעשׂות אַז יעדער וואָרט פֿון די קידוש-לבֿנה-אותיות איז געווען אַזוי אויסגעצויגן אַז ס׳האָט זיך געלייענט בעל כּרחו. אָבער אַז איך האָב געקוקט בין איך געווען אַ חזיר. ווי ר׳ זלמן חיים האָט געזאָגט אויפֿן חזיר אַז עס איז נישט מעלה-גרה ווײַל עס איז אַ בעסערע מענטש. וואַלגערט זיך אין שמוץ טאָג און נאַכט אָבער ווידער צעקײַען אַביסל עסן? חלילה. חזירים זענען זיי אַלע אָבער איך טאָר נישט קוקן. וואָס דאַרף איך טון? אַראָפּקוקן?

און אַז אַזאַ איינער פֿרעגט מיר ווי אַזוי מען קומט ערגעץ אָן, צו וועלכער חלק פֿון איר רעדט מען? איך מיין, פּשיטא אַז זי זעט בעסער אויס אָן דעם, מאי קא משמע לן? האָט אַ שקץ געשריגן „דזשו, וואַט יו לוקינג אַט?״ און חבֿרה האָבן געלאַכט. ווי אין ווין נאָכן אָנשלוס.

ער רירט זיך צי נישט? נו, נו, ישתּבח, יש מנין, נו, זאָג שוין דאָרט, דו פּגר. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער פֿאַרטיקט שנעל. אַ נעכטיקן טאָג און דאָרט האַלט מען שוין מודים דרבנן. איך דאַוון מיר ווייַטער. וועלכע נשמה מיינט ער טוט ער אַ טובֿה מיט אויפֿהאַלטן דעם עולם? דערווייַל האָט זיך געהערט אַ קוויטש און אַ קרעכץ ווי די טיר האָט זיך אויפֿגעמאַכט און שמואל משה איז דאָרט געשטאַנען מיטן טלית אינטערן אויער ווי די טויבע בייַ תּקיעת-שופֿר. אפֿשר אַז מען כאַפּט אַרייַן אַזוי פֿיל ברכות איז עס אַ סגולה אויף פּרנסה. ער איז שוין בודק די טיר וואָס ס׳קוויטשעט אַזוי. ער׳ט נאָך באַלד לייגן פּוטער ווי טאַטי פֿלעגט צו לייגן. דאָס איז אָבער די מעלה פֿון זייַן אַן נגיד. ער קען זיך ערלויבן זייַן ווי משוגע ער וויל. ער שפּילט זיך אַפֿילו נישט מיטן איבערשטערן קנעפּל פֿון זייַן העמד און ער איז נישט בודק זייַן זיפּער. שמעלקע האָט זיך שטאַרק פֿאַרקנייטשט זייַן שטערן, צאַמגעצויגן זייַנע פֿויסטן אַזוי אַז זייַן שמייכל האָט מען געקענט פֿאַרטייַטשן אַז ער בעט שטאַרק בייַ והאר עינינו בתורתיך. משוגע, דער עולם וועט מיך אָנקוקן ווי אַ צעדרייטער און ער האָט זיך גענומען שטאַרק היסטן. שמעלקע האָט אויפֿגעריקט זייַן טלית-בייַטל, זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט און גענוקעט אַז שמואל משה קען זיך לעבן אים זעצן. אין דער קאָנטרי ווען די חנפֿענערס זענען נישט דאָרט האָב איך אייביק מיט אים אַ שפּראַך.

אויף שפּילקעס האָט ער אויסגעוואַרט פֿאַר ה׳ אלקיכם אמת און זיך באַלד געשטעלט שמנה-עשׂרה. דאָס וועט זיי לערנען טאַנצן. דער בעל-תּפֿילה האָט געשריגן, „נו, ששה מתפּללים!״ איך האָב אויך פֿריִער געשריגן נו.

וואָס איך קען טון איז גיין בייַם חתונה נאָך געלט, בעטן אַ טאָג בייַ איינער פֿון די גויים, מען וועט קוקן איין מאָל, צוויי מאָל און ווער באַמערקט שוין? אַלץ בעסער ווי „וואָס זיכט ער דאָ?״ איך דאַרף בייַ זיי בעטן רשות? איך וועל האָבן דעם שירעם און דאָס וועל איך מאָרגן צוריקשטעלן. אַז נישט האָב איך געלט אויף אַ נייַע. זאָל די שׂרה חנה זאָגן אַז איך האָב נישט „טייסט.״ אַז איך גיי אַרום די טישן מיט אַ טאָץ קען מען מיר נאָך בעטן לייגן מייַן נאָמען בייַ אַ קבלת פּנים. טאַקע נישט פֿאַר רבי ר׳ מלכס אַן אייניקל אָבער פֿאַר סתּם אַ רביש קינד. מען קען קיין מאָל נישט וויסן. איך דאַרף שׂרה חנה אַפֿילו גאָרנישט זאָגן, זי וועט מיינען איך בין בייַם שיעור. אַ קבלת פּנים צעטל מיט מייַן נאָמען פֿון אינטן

װעט איר שױן גוט אַרױסנעמען די אױגן.

שמעלקע האָט אױסגעטראָטן שמנה-עשׂרה, אַ שטאַרקע טאַנץ מיט די פֿערשט בײַ וכשנים קדמוניות האָט אים אַ ביסל אױסגעלופֿטערט די הױזן און לױז געמאַכט צװישן די פֿיס. „נו, דאַװענען שױן, פֿאַר אַ גוט יאָר, ס׳איז דאָ תּשעה עונים, דו קענסט נישט ציילן? הושיעה את עמיך, נו, ריר דיך שױן." װען מען איז אַרומגעגאַנגען מיט די פּושקעס האָט ער הנאה געהאַט צו קלאַפּן זײַנע שבתדיקע הױזן און צוגעלייגט „איך בין געװען אױף אַ חתונה נעכטן נאַכט." צו תּחנון האָט ער װײַטער געשאָלטן. ס׳איז נאָך דאָנערשטיק אױך פֿאַר אַ שװאַרץ יאָר. דאָ מיזן זײ זאָגן תּחנון, אַז נישט מיט װאָס זענען זײ אַנדערש װי אַ חסידישער שטיבל? אַראָפּלייגנדיק זײַן קאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלן דאָס דעקל פֿון זײַן תּפֿילין-של-יד, ויאמר דוד אל גד נו װוּ איז עס שױן, צר לי מאד נפלה נא ביד ה׳, דער טיש קלעפּט. װאָס שמעקט אַזױ? דאָס ציגערעטל װי ס׳שװימט אין דער קאַװע זעט אױס װי אַ פֿאַרעקשנטע דרעק. אַ גוטע חכמה איז אַראָפּצולייגן אַשר-יצר פּאַפּיר און דערנאָך אַ פֿלאַש. כּיון דאידחי אידחי. אַז אײנס גײט גײען אַלע. כּמו אבֿן במים עזים. ער האָט זיך אױסגעדרײט קוקן אױפֿן װאַנטזײגער איבער דער טיר זיכער מאַכן אַז קײנער זעט נישט װאָס ער טראַכט. נאָך אַ מזל מען האָט זיך אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ בײַ נפֿילת-אַפּים. חיים דוד שרײַט שױן והוא רחום. װען ס׳איז אַ יאָרצײַט שרײַט ער אַװדאי „קדיש, קדיש." װען איך בין בעל-תּפֿילה זאָג איך דװקא יאָ תּחנון און זאָל ער „קדישן" װיפֿל ער װיל. אַזאַ קינדערישקײט. יעדער מיז עפּעס זײַן.

לײַבי װײַס טענהט אַז ס׳איז װײַל זײ קומען זיך נישט גוט אַדורך אין דער הײם. ער זאָגט זײ דאַרפֿן מען זאָל זײ ליב האָבן. איך זאָג נישט לײַבי האָט שױן געלײענט אַ פּאָר ביכער אָבער די ביכער װײסן דען אַלעס? װאָס איז שײַך ליב האָבן. יענקי שטײַנער אַרבעט בײַ אַ גױיִשע ביוראָ, ער איז אַ פֿעסטער מבֿין, ער קען בעסערע גױים אױך, ער זאָגט ס׳איז אַלעס בלאָף. אין זײַן צימער אַרבעט אַ גױ, בכלל נישט אַ ביליקע גױ, אַ ריכטיקע װײַסע, און ער האָט לעצטנס זיך באַליבט אין אַ מײדל און זײ האָבן געשמועסט אױפֿן טעלעפֿאָן און זי האָט געזאָגט אַז זי װיל עפּעס קױפֿן בײַ אַמאַזאָן און ער האָט באַלד אַהינגעקליקט און געזאָגט „איך װעל עס דיר קױפֿן." ס׳האָט אים אױסגעזען אַז זי האָט געזאָגט „נײן, דאַרפֿסט נישט" און ער האָט געזאָגט „ס׳איז צו שפּעט, איך האָב עס שױן באַשטעלט." יענקי זאָגט מען האָט קלאָר געזען די פֿאַלשקײט. ס׳איז אַזױ קינדעריש. אין אָנהײב פֿלעגט מאַמי שפּעטן אױף שׂרה חנהס קוצעניו-מוצעניו מעשׂיות װען זי פֿלעגט מיר קוקן אין די אױגן און עפּעס אַרױסגנבֿענען פֿון מײַן טעלער. ס׳האָט טאַקע נישט אױסגעפֿעלט. און װי לאַנג האָט עס דען געדױערט

ביז מען האָט געזען וואָס זי איז? הײַנט וועט איר קיינער נישט חושד זײַן אַז זי האָט עמעצן ליב. וואָס פּאַסירט שוין ווען מען האָט ליב? וואָס איז דען ליבע? מען קען שוין מיינען מען צעקישט זיך אַביסל און מען רופֿט עס ליבע. יענער האָט עס געקויפֿט ווײַל ער האָט איר געוואָלט נישט ווײַל ער האָט געוואָלט זי זאָל עס האָבן.

אַז מען האָט פֿאַרקויפֿט די עליות איז שמעלקע געגאַנגען אין לעבן אַז ער מיז קויפֿן די מיצוות . נעכטן האָט דער משוגענער עזראַ געצאָלט ווייס איך וויפֿל פֿאַר ראָש-חודש. אָן קיין קאָפּ. ער רעדט זיך אײַן אַזוי וועט ער ווערן אַן אַשכּנזישער. אַ סך וועט עס אים העלפֿן. קוק אָן זײַנע מחותּנים.

„אַ דאָלער די מיצוות . אַ דאָלער די מיצוות צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל" דאָ איז גוט צו געבן אַ שפּרינג אַרײַן, זאָל איך זאָגן אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי?

„צוויי דאָלער די מיצוות ."

„דרײַ דאָלער די מיצוות ." ער, נתן שלומה, וואַרפֿט זיך מיט געלט. אַ מלמד מיט סעקשן אייט, וואָס פֿעלט אים דען?

„פֿיר דאָלער די מיצוות ," זאָלן זיי זען אַז אַ גאַנצער שלימזל בין איך נישט.

„זעקס," איז ער משוגע, ער מיינט אַוודאי ס'איז דער דריטער טאָג ראָש-חודש, איך וועל מיך נישט לאָזן צוויי טעג נאָכאַנאַנד, געניג נעכטן האָט מען עס מיר אויסגעכאַפּט.

„צען דאָלער," דאָס וועט אים שוין לערנען מיט וועם ער הייבט זיך דאָ אָן, ווען שׂרה חנה זאָל נאָר וויסן וואָס איך טו מיט איר געלט, ס'נישט ממש אירס. ווען איך מאַך אַ גוט געשעפֿט שעפּט זי דען נישט נחת? „צען דאָלער די מיצוות צום צווייטן מאָל און צום דריטן מאָל. זכה לו." „נו וועם געט איר הוצאה. טראַכט נישט אַזוי פֿיל, ס'איז שפּעט."

„געב עס פֿאַר נתן שלומה," ס'איז וויכטיק מען זאָל זען אַז איך בין אַ מענטש. זאָל ער קראַכן. איך האָב עס געקענט האָבן פֿאַר צוויי דאָלער און דער חזיר האָט עס מיר אַרויפֿגעטריבן, און אויף וואָס דאַרף ער עס שוין? זיך אַ ביסל

וויכטיק מאַכן?

שמעלקע האָט געזוכט צי איז נישט דאָ אַ כהן. איַ וועט נתן שלומה פלאַצן. אַ בלינדע מציאה. איך באַקום נאָך אַ באָוינוס עליה.

„נו, איר נעמט עס פֿאַר זיך?״ האָט דער גבאי זיך צו אים געוואָנדן, און שמעלקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ „בדיעבֿד אַז ס׳איז נישט דאָ אַ צווייטער.״

„יעמוד שמעלקע...״ און שמעלקע האָט געענטפֿערט „חיים שמואל שמעלקע בן ר׳ ראובֿן יוסף הלוי.״ שלישי געב איך פֿאַר שמואל משה. זאָל אים נישט פּאַסן אַז איך קויף אים עליות?

איך קיש דען נישט שׂרה חנה? איך האָב איר נישט אין גאַנצן פֿאַינט, איך מיין אַז נישט, אַ ביסל ליב, אָבער ס׳איז נישט אַזאַ גדולה ליב צו האָבן. שוין, שיר השירים איז דאָך העכערע זאַכן. מען האָט מיך איר אָנגעטראָגן האָב איך איר גענומען. אַ ברירה האָב איך דען געהאַט? מאַמי האָט מיך געפֿרעגט וואָס איך האַלט. אַז ס׳איז גאָרנישט שלעכט קען מען חתונה האָבן. ווען דאַרף איך איר ליב באַקומען. איך קויף בלימען אויף שבת, זאָגט זי אַז ס׳האָט נישט אויסגעפֿעלט. די קאָלערס מעטשן נישט. ממש קינדעריש ווען מען הערט אויפֿן סאָבוויי ווען זיי לייגן אַראָפּ די סעלס, „ביַי סוויטי, קיוטי, באָני, האָני,״ זיי שעמען זיך נישט ברבים? טאַקע פֿאַלש. ווי האָט ער נאָר געהייסן, גאָלד, גאָלד, זיַין היט האָט געהאַט באַלד מער קנייטשן ווי ער איז אַלט געווען, יאָ גאָלדהאַמער, ער האָט נעבעך געוויינט ווי זיַין וויַיב האָט אים געקיצלט די פֿיס דער שבת פֿאַר זי האָט אים איבערגעלאָזט. פֿינף און דריַיסיק יאָר האָבן זיי געלעבט צוזאַמען און זי זאָגט אים ער׳ז אַ ווימפּ, נו, איך קיצל נישט די פֿיס און איך גט מיך נישט. פּויערישע מעשׂיות, אַ סך האָט עס אים געהאָלפֿן אַז ער האָט געזינגען מיט זיַין פֿרוי. מער פֿעלט מיר אויס שׂרה חנה זאָל מיר זינגען מה-ידידות.

ווער געבט אַזאַ ניס? שמעלקע האָט זיך אויסגעדרייט זוכן די שולדיקע נאָז. יעקבֿ בן אַבֿרהם, אויף דעם האָט ער זיך געדאַרפֿט מגייר זיַין און איך האָב געמיינט אַז נאָר אַ ייִדישע נאָז קען אַזוינס.

און ווער האָט מיך ליב? ווען האָב איך ליב? איך וועל נאָך איין מאָל אַנטלויפֿן אויף אַ פּאָר טעג און די הצלה וועט מיך זוכן, און אַלע תּלמוד-תּורהס וועלן זאָגן תּהילים, און אין מקווה וועט מען זאָגן ער האָט אַ שווערע שטיב, און

די צעלייגערס וועלן קרעכצן אַז קיינער האָט מיר נישט געזאָגט אַ גוט וואָרט, מען וועט באַשולדיקן די שדכנים פֿאַר נישט האָבן געטאָן מער, און שׂרה חנה וועט זיך בעטן אויפֿן ראַדיאָ איך זאָל אַהיימקומען און דעמאָלסט וועט מען שוין וויסן אַז ס'לעבט אַ שמעלקע אויף דער וועלט און מײַן נשמה איז נישט הפֿקר. זיי וועלן מיר דאָס אויך נישט פֿאַרגינען. איך וועל צוריקקומען און לייבל וועט מיר פֿרעגן „נו, וויזוי איז געווען?‟ פֿון אַ שידוך פֿאַר רחלע קען איך דעמאָלסט פֿאַרגעסן.

גוים מיינען זיי קענען זאָגן „איַ לאָוו יו‟ האָבן זיי עפּעס ליב. איַ לאָוו יו איז דער גרעסטער ליגן, דער גרעסטער שקר, איַ לאָוו איַ וואָלטן זיי געדאַרפֿט זאָגן. ליב? וואָס זיי ווילן איז פֿאַר זיך, יאָ איַ לאָוו איַ. די פֿאָרפֿאָלקלעך וואָס שטייען צוזאַמען איבערקוקנדיק דעם ראַקערפֿעלער צענטער, ער אויף די נקבֿות זי אויף די זכרים, זיי האָבן זיך ליב? יאָ, אַוודאי, דער גרעסטער שקר...

קלאַפּ!

קלאַפּ!

* * *

שמעלקע האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט ווען ער האָט צום צווייטן מאָל אַראָפּגעברענגט זײַן האַנט אויפֿן טיש מיט אַ פֿאַרמאַכטע פֿויסט. צוויי פֿעסטע זעצן. די קאַווע האָט זיך איבערגעדרייט איבער זײַן סידור און זײַן טלית-בײַטל, יעצט וועט יעדער זיך שטיפֿן זען מײַן נאָמען, די קאַווע האָט אָנגעהויבן רינען צום עק, שמעלקע האָט זיך געטאַפּט די קעשענעס פֿאַר אַ טישו, דאָס סערוויעטל פֿון דער חתונה האָט קוים אײַנגעזאַפּט די קאַווע אויף זײַנע בתים. די הויזן זענען מיר אויך נאַס, קיינער מאַכט זיך דאָ נישט צו טון, דאַווענען מיטאַמאָל אַלע אַזוי ערלעך.

„אַנטשולדיקט, איר האָט אפֿשר אַ טישו?‟ אָ, שמואל משה קומט צו לויפֿן, מאַכט אַזאַ רעש, דער גאַנצער בית-מדרש דאַרף דען וויסן?

דאָס ציגאַרעטל איז געשוווּמען שנעלער ווי די קאַווע, און ווען שמעלקע האָט אָפּגעווישט דעם טײַך פֿון קאַווע איז דאָס ציגאַרעטל געקומען מיט אַ שטראָם און זיך פֿאַרלייגט אויף שמעלקעס רעקל. פּונקט ווי ווען ער האָט

אַרײַנגעטראָטן אין צואה פֿאַר ער איז אַרײַן צום רבין מיט אַ קוויטל. עפּעס טויג מיט מיר נישט, אַזאַ שלאָמזלנות איז נישט נאַטירלעך, איך ווער מיין איך אַ ביסל פֿאַרריקט. וואָס קלאַפּ איך אויפֿן טיש? און וואָס טוט מען דערצו, מיט וועם קען מען דעריבער רעדן? שׂרה חנה וועט זאָגן „איך טענה שוין לאַנג.״ וואָס זאָל איך זאָגן פֿאַר מײַן דאָקטאָר, אַז איך מיין איך ווער משוגע? וועט ער מיר פֿרעגן פֿאַרוואָס ס׳פֿאַלט מיר אײַן? פֿאַרדעם אַליין בין איך משוגע, נאָר משוגעים פֿאַלט אײַן אַז זיי זענען משוגע. איך קען אים נישט זאָגן אַז ווען עמעצער מאַכט לעבן מיר אַ פֿאַרץ, און איך שווער איך האָב עס נישט געמאַכט, פֿונדעסטוועגן הייב איך מיך אָן דרייען אין מײַן בענקל, און איך האָב בפֿירוש געזען ווי צוויי יונגע-לײַט ווינקן זיך אויף מיר.

דערווײַל האָט זיך צאַמגענומען אַן עולם, צו קוקן, צו העלפֿן, צו געבן דעות ווו צו ווישן, צו ברענגען טישוס און אשר-יצר-פּאַפּיר, צו ראַטעווען ספֿרים פֿון דער קאַווע, צו ראַטעווען חומשים פֿון אונטער סידורים און זיך צו באַשעפֿטיקן בשעתן צאַמדרייען די רצועות און משלים זײַן קרבנות. פֿאַר אַ שוואַרץ יאָר, דער שירעם וועט נאָך אַרויספֿאַלן און שמואל משה וועט עס דערקענען, איך מאַך אַ ויבֿרח אַז נישט וועט מען מיך רופֿן אַ גנבֿ.

היום יום, וואָס איז נאָר הײַנט, ווו האַלט איך, ער האָט זיך אַרויפֿגעלייגט די הענט צום קאָפּ, צום שטערן ווי ווען מען שיצט די אויגן פֿון דער זין, שיצן דעם מוח זײַנער פֿון די אַרומיקע. ישעי׳ שוואַרץ האָט אַ קוק געטאָן. אים געפֿעלט עס אויך נישט. ער וואָס ווען ער איז געווען אין דער חבֿרה-קדישא האָט ער אָנגעברענגט אַז אַן אַלטע מענטש אָן קרובֿים זאָל אים איבערשרײַבן זײַנע נכסים, ער וועט מיך האַלטן פֿאַר אַ נערוועזער, פֿאַר אַ צערידעטער. זאָל ער גיין אין דער ערד. איך האָב אים אין בוידעם.

שמעלקע האָט געכאַפּט זײַן טלית-בײַטל און האָט דערין אַרײַנגעשטעקט זײַן נישט צאַמגעלייגטע טלית און נישט צאַמגעדרייטע תּפֿילין און געלאָפֿן. ער איז אַראָפּגעלאָפֿן אַלע שטיגן, געשטויסן אַ פּאָר פֿון די שירעמס אויפֿן וועג אַרויס פֿון דער געבײַדע, און געלאָפֿן דורך קינדער אויפֿן וועג אין חדר, אַזעלכע ציקערוואָסער-פּאות זענען אמתע ייִדיש נחת, מיידלעך אויפֿן וועג אין שולע, ייִדן מיט גראָסערי-זעקלעך אין דער האַנט און זייערע טלית-בײַטל אונטערן אָרעם, פֿאַר סקולבאָסעס און פֿײַפֿנדיקע קאַר-סערוויס קאַרס און אַריבער רויטע באַלויכטענע מענטשן בײַ די לאָמפּן. דאָס מויל איז אים געוואָרן אויסגעטריקנט און די הענט האָבן אים געציטערט. פֿרויען שטופּנדיק וועגעלעך האָבן זיך גערוקט אין אַ זײַט אויסגעגלײַכט דאָס שייטל און צוריקגעקוקט ווי מיט אַלע

כּוחות האָט ער געהויבן זײַן באַלעבאַטישע געוויכט. אַזאַ סאָרט ווײַבל וואָלט מיר גוט געווען, זי וואָלט אויף מיר געהעריק אויפֿגעפּאַסט. אַ מחיה צו קוקן. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז ער האָט געזען זײַן טיר פֿון דער ווײַטנס ווען ער האָט זיך ערלויבט אַביסל שטאַטער צו לויפֿן אָבער אַלץ נישט צוריקצוקוקן. שׂרה חנה וועט וועלן וויסן וואָס דאָ טוט זיך. לאָמיר זען, און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנט זייגער וואָס דאָס פּנים איז שוין געל געווען און דער לעדערנער באַנד האָט זיך געהאַלטן אויף צוויי פֿעדעמער און אַ נס. אולי יחוס, אולי ירחם, און זי וועט שוין האָבן געגאַנגען צו דער אַרבעט וועל איך האָבן אַ ביסל מנוחה. ער האָט אויפֿגעזוכט אין זײַן קעשענע זײַנע שליסלעך וואָס ער האָט שטענדיק בײַ זיך געטראָגן, בײַ זיך אינדערהיים וועט ער נישט קלינגען, בשום אופֿן נישט.

שׂרה חנה איז געשטאַנען גרייט בײַם טיר, דאָס פּנים האָט איר געפֿלאַמט, ,,ווער האַוו יו בין? איַוו בין ווייטינג פֿור איידשזיז, און קוק ווי דו זעסט אויס. דו האָסט דיך מיט עמעצן געשלאָגן? און דו ביסט אין גאַנצן משוגע, וואָס פֿאַר אַ פּלאַסטיק האָסט דו אויף דײַן קאָפּ?״

שמעלקע האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַרענטפֿערן,,,איך בין געווען אין וויטעפּסק... איך בין געגאַנגען קיין צור ישׂראל... איך בין נישט שפּעט.. פֿריִער ווי יעדן טאָג...״

שׂרה חנה האָט אים אַרײַנגעהאַקט, ,,איך האָב דיר געבעטן זאָלסט פֿרי אַהיימקומען ווײַל הערשי האָט הײַנט נישט פּלייגרופּ וועגן די שכנים האָבן זיי געמסרט און מען קומט מאַכן אַן אינספּעקשן. איך רעד צו דיר און איך רעד צום לאָמפּ, צו אַ ביסל בייביסיטינג טויגסט דו אויך נישט. ווו ביסט דו געווען?

,,דאָ, איך האָב דיר געברענגט דײַן שירעם. ס׳איז רעגנדיק אינדערויסן.״

,,וועלכע שירעם? דו שלימזל, האָסט עס געלאָזט בײַם חתונה. דו מיינסט איך ווייס נישט?״

,,איך האָב עס אין ערגעץ נישט איבערגעלאָזט״ און האָט אָנגעהויבן אַרומצוטאַפּן אין זײַן טלית-בײַטל.

,,דו האָסט גאָרנישט קיין שירעם ווײַל מירי מערמלשטיין האָט געפֿינען מײַן שירעם זיך אַרומוואַלגערן אויף דער ערד בײַם חתונה. מען קען דיר

גאָרנישט אַרייַן געבן אין די הענט. אַלעס פֿאַרלירסט דו.״

דער נאָמען פֿון מירי מערמלשטיין האָט אין גאַנצן אויפֿגעטרייסלט שמעלקען. זי האָט אַוודאי דערציילט ווי איך בין געשטאַנען בייַ דער מחיצה און געקוקט. זי האָט נישט קיין ראַיה ווייַל איך האָב מיך צוגעמאַכט די שיכבענדלעך פֿאַר אַ חלק פֿון דער צייַט און איך האָב מיך סך-הכּל אָנגעלענט אויפֿן מחיצה. די אַנדערע צייַט איז נישט מסתּבר אַז זי האָט באַמערקט ווייַל איך בין געזעסן אַ ביסל אָפּגעריקט, און ווען איך האָב געקוקט דורך דעם שפּיגל איז אָפּגערעדט אַז זי האָט נישט געקענט באַמערקן. אָבער פֿאַרוואָס דען האָט זי אַריבערגעברענגט דעם שירעם?

„לאָמיך זען דעם שירעם וואָס דו האָסט״, האָט שׂרה חנה געשריגן, „געב עס מיר שנעל, דו משוגענער, מייַן קאַר-סערוויס דאַרף אָנקומען יעדער מינוט. האָסט אַפֿילו נישט צאַמגעלייגט דייַן טלית און תּפֿילין, דאָס דאַרף איך דיר אויך טון?״

„איך האָב געוואָלט פֿרי אַהיימקומען האָב איך נישט געלייגט רבינו-תּם, איך דאַרף אַ סימן צו געדענקען.״

שׂרה חנה האָט אַפּירגענומען דעם שירעם און עס אויסגעדרייט אויף אַלע זייַטן ביז זי האָט געפֿונען דאָס צעטל פֿון פֿעלבערבלום. „אַ גנבֿ ביסט דו שוין אויך, שיין זע איך מיט דיר אויס. ס׳איז אַפֿילו נישט דער זעלבער, אַזאַ מבֿין ביסט דו. ס׳איז אָבער אַ בערבורי.״

ביני לביני איז געוועזן אַ פֿייַף פֿון אַ קאַר, שׂרה חנה האָט אַרייַנגעוואָרפֿן דעם קליינעם הערשי שמעלקען אין די הענט אַרייַן, „דאַרפֿסט אים טוישן,״ אויפֿגעמאַכט דעם שירעם און געלאָפֿן זיך אַרייַנזעצן אינעם קאַר.

שמעלקע האָט איר נאָכגעשריגן, „זי, מערמלשטיין, האָט עפּעס געזאָגט?״